מאוצרות

# לקוטי שיחות

## SHELACH שלח

SELECTIONS FROM

# LIKKUTEI SICHOS

INSIGHTS INTO THE WEEKLY PARSHA

BY THE LUBAVITCHER REBBE

# SHELACH II | שלח ב

*LIKKUTEI SICHOS, VOLUME 23, P. 92FF.*

Adapted from a *Sichah* delivered on *Shabbos Parshas Shelach,* 5733 (1973)

## Introduction

In Judaism, there is a dynamic interplay between making a commitment to G-d and His commandments that transcends reason and serving Him with our minds and using them to guide our conduct. At times, the emphasis is on faith and following His laws with absolute trust, no matter what our minds dictate. At other times, the emphasis is on using our own powers of discernment to determine which choices are best.

Each approach has its own distinct advantage. When our service is motivated by faith, we step above ourselves and our human limitations and relate to G-d wholeheartedly, without the restraints our minds place upon us. But there are also advantages to employing our own thought processes in His service, because doing so is more closely related to the goal of making a dwelling for Him in this material world.

When our service focuses on faith that transcends ourselves, our "selves" – that part of our beings that relates to this material world – are not fully involved. Moreover, even the material entities with which we perform this service are not considered within their own context and given their own individual significance. Instead, they are regarded merely as instruments through which G-d's will can be carried out.

In the *sichah* that follows, the Rebbe uses the episode of the spies Moshe sent to survey *Eretz Yisrael* to clarify these two approaches. He also describes an option that enables us to combine the two approaches in one motif, using a commitment that transcends logic and reason to mold and guide our thinking processes so that they are wholly aligned with His purpose and will. Following this approach enables one to reach true intellect – a genuine perception of the truth.

# Becoming More Than Oneself

## Who Initiated the Mission?

**1.** Interpreting the **phrase,**[1] "At your [discretion], send out men," **our Sages comment**[2] that the words ***shelech lecha*** **imply, "based on your judgment."**[3] That is, G-d left the decision whether **to send spies to Moshe's choice,** telling him, **"I am not commanding you."**[4]

**Clarification is necessary: Moshe was G-d's faithful servant.**[5] **Clearly then, Moshe's decision to send spies accorded with that of his Master, G-d, as the Torah affirms,**[6] **"Moshe sent them… according to the word of G-d," i.e., with Divine consent.**[7] **Thus, sending the spies in and of itself was a good and desirable act.**[8]

In that vein, ***Ramban***[9] **explains that the ordinary manner in which one conquers a land is first to send spies to investigate what is the best and easiest manner to accomplish that objective.** Therefore, since **"one should not rely on miracles"**[10] **and it was necessary to prepare for war in an ordinary manner, Moshe agreed** to the people's request **to send spies.**

**This raises a question: Why did G-d leave**

א. אויפְן פָּסוק "שְׁלַח לְךָ אֲנָשִׁים" זָאגְן חֲזַ"ל[א] "שְׁלַח לְךָ - לְדַעְתְּךָ"[ב], אַז דֶער שִׁילוּחַ הַמְרַגְּלִים אִיז גֶעוועֶן אָפְּהֶענְגִיק אִין דַעְתּוֹ שֶׁל מֹשֶׁה, אָבֶער "אֲנִי אֵינִי מְצַוֶּה אוֹתְךָ"[ג].

דַארְף מֶען פַאְרשְׁטֵיין:

מֹשֶׁה רַבֵּינוּ אִיז דָאךְ גֶעוועֶן אַן עֶבֶד נֶאֱמָן פוּן אוֹיבֶּערְשְׁטְן[ד]. אִיז דֶערְפוּן פַארְשְׁטַאנְדִיק, אַז דָאס וָואס דַעְתּוֹ שֶׁל מֹשֶׁה אִיז גֶעוועֶן צוּ שִׁיקְן דִי מְרַגְּלִים, אִיז עֶס דֶערְפַאר וָואס אַזוֹי אִיז גֶעוועֶן דַעְתּוֹ שֶׁל אֲדוֹנוֹ (דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן). און ווִי דֶער פָּסוּק[ה] אִיז מֵעִיד "וַיִּשְׁלַח אוֹתָם מֹשֶׁה גו' עַל פִּי ה'" - בִּרְשׁוּתוֹ שֶׁל הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא[ו]. הֵייסְט עֶס, אַז דֶער עִנְיָן פוּן שִׁילוּחַ הַמְרַגְּלִים (מִצַד עַצְמוֹ) אִיז אַ דָבָר טוֹב וְרָצוּי[ז],

[און ווִי דֶער רַמְבַּ"ן[ח] אִיז מְבַאֵר, אַז דֶער דֶרֶךְ הָרָגִיל פוּן אַיינְנֶעמֶען אַ לַאנְד אִיז דוּרְךְ שִׁיקְן פְרִיעֶר מְרַגְּלִים צוּ אוֹיסְגֶעפִינֶען וָואס עֶס אִיז דֶער בֶּעסְטֶער און גְרִינְגְסְטֶער וועֶג "לִכְבּוֹשׁ אֶת הָאָרֶץ"; און ווִיבַּאלְד אַז אֵין סוֹמְכִין עַל הַנֵּס און מֶען דַארְף זִיךְ גְרֵייטְן לְמִלְחָמָה בְּדֶרֶךְ הַטֶבַע - הָאט מֹשֶׁה רַבֵּינוּ מַסְכִּים גֶעוועֶן צוּ שִׁיקְן דִי מְרַגְּלִים].

אִיז נִיט פַארְשְׁטַאנְדִיק: פַארְוָואס הָאט דֶער

---

1. *Bamidbar* 13:2. Our translation follows the interpretation of our Sages and *Rashi* mentioned in the main text.

2. *Sotah* 34b. **A similar interpretation is found in** ***Midrash Tanchuma, Shelach,*** **at the end of sec. 5;** ***Bamidbar Rabbah*** **16:8, and is cited by** ***Rashi*** **in his commentary on the verse.**

3. **This (לְדַעְתְּךָ) is the wording in** the citation of the passage **in** ***Ein Yaakov, Rashi's*** **commentary on the** Torah, ***et al.*** **The** standard text of the **Talmud reads "based on your judgment (מִדַּעְתְּךָ)," and the version in** ***Midrash Tanchuma*** **and** ***Bamidbar Rabbah*****, reads "for yourself."**

4. ***Rashi, Sotah, loc. cit.,*** **and, similarly, in his commentary on the Torah on this verse.**

5. **See** ***Bamidbar*** **12:7.**

6. ***Ibid.*** **13:3.**

7. ***Rashi*** **on the above verse.**

8. **See also** ***Or HaChayim*****,** ***Bamidbar,*** **13:2.**

9. ***Ramban, Bamidbar, ibid.***

10. See *Kiddushin* 39b.

**the matter** entirely **to Moshe's discretion and not initially deliver such a command Himself?**

Another point **requires clarification:** ***Rashi***[11] **states that the spies were worthy individuals at the time** Moshe sent them. How could it be otherwise? **If Moshe chose them, not only were they worthy, but they were the most suited for this particular mission. If so, how is it possible that they underwent such a drastic change, from one extreme to the other. Not only did they not carry out the mission as they were supposed to; they brought about a tragedy** whose effects would continue to be felt **for** ensuing **generations of the Jewish people.**[12]

אויבּערשטער דָאס תּוֹלֶה גֶעוועֶן אִין דַּעְתּוֹ שֶׁל מֹשֶׁה, און נִיט אַלֵיין מִלְּכַתְּחִלָּה אָנְגֶעזָאגְט אוֹיף דֶעם?

אויךְ דַארְף מֶען פַארְשְׁטֵיין:

בַּנּוֹגֵעַ דִי מְרַגְּלִים זָאגְט רַשִׁ"י[יט] "אוֹתָהּ שָׁעָה כְּשֵׁרִים הָיוּ". און ווִי פַארְשְׁטַאנְדִיק אויךְ בְּשֵׂכֶל הַפָּשׁוּט, אַז אוֹיבּ מֹשֶׁה רַבֵּינוּ הָאט זֵיי אַלֵיין אוֹיסְגֶעקְלִיבְּן, זַיְינֶען זֵיי גֶעווען (נִיט נָאר "כְּשֵׁרִים" בִּכְלַל, נָאר) דִי אַמְבֶּעסְטְן צוּגֶעפַּאסְטֶע פַאר דֶער דָאזִיקֶער שְׁלִיחוּת.

אִיז ווִי קוּמְט עֶס, אַז בַּיי זֵיי אִיז גֶעווָארְן אַזאַ גְרוֹיסֶער שִׁינּוּי, מִן הַקָּצֶה אֶל הַקָּצֶה, אַז נִיט נָאר הָאבְּן זֵיי דִי שְׁלִיחוּת נִיט דוּרְכְגֶעפִירְט כִּדְבָעֵי, נָאר זֵיי הָאבְּן דוּרְךְ דֶעם גֶעבְּרַאכְט אוֹיף אִידְן אַ "בְּכִיָּה לְדוֹרוֹת"[כ]?

## How Valuable Was the Information Gleaned?

**The above issues can be clarified by explaining that, as a whole, the mission** on which the spies were sent **had two goals:**

**a) To discover particular points of information relevant to the conquest of the land,** as it is written,[13] **"You shall see…** the people who inhabit it, **are they strong…, are they** few…, do they dwell in **open encampments** or in fortified cities?"

**b) To discover particulars regarding the land itself,** as it is written,[14] **"Is it good…, is it abundant?"**

**The second goal was so crucial to their mission that Moshe commanded them,**[15] **"Be courageous and take from the fruit of the land." Although taking this fruit would endanger them – because it could expose them as spies**[16] **–**

ב. ווֶעט מֶען דָאס פַארְשְׁטֵיין בְּהֶקְדֵּם הַבִּיאוּר אִין דֶעם ווָאס מֶען גֶעפִינְט, אַז דִי שְׁלִיחוּת אִיז (בִּכְלָלוּת) בַּאשְׁטַאנֶען פוּן צְווֵיי עִנְיָנִים:

א) צוּ אוֹיסְגֶעפִינֶען דִי פְּרָטִים ווֶעלְכֶע זַיְינֶען נוֹגֵעַ צוּ דֶעם כִּיבּוּשׁ הָאָרֶץ - "וּרְאִיתֶם גו' הֶחָזָק גו' הַמְעַט גו' הַבְּמַחֲנִים גו'"[כא].

ב) צוּ אוֹיסְגֶעפִינֶען דִי פְּרָטִים ווֶעגְן דֶער לַאנְד גוּפָא - "הֲטוֹבָה הִיא גו' הַשְּׁמֵנָה הִיא גו'"[כב]. און עַד כְּדֵי כָּךְ אִיז גֶעווען נוֹגֵעַ אָט דֶער (צְווֵייטֶער) טֵייל פוּן זֵייעֶר שְׁלִיחוּת, אַז מֹשֶׁה הָאט זֵיי אָנְגֶעזָאגְט "וְהִתְחַזַּקְתֶּם וּלְקַחְתֶּם מִפְּרִי הָאָרֶץ"[כג]: אַף עַל פִּי אַז דוּרְךְ מִיטְנֶעמֶען "מִפְּרִי הָאָרֶץ" שְׁטֶעלְן זֵיי זִיךְ אַיְין אִין סַכָּנָה (אַז מ'ווֶעט קֶענֶען דֶערְקֶענֶען אַז זֵיי זַיְינֶען מְרַגְּלִים[כד]), זָאלְן זֵיי,

11. ***Rashi***, ***Bamidbar*** **13:3. The source is in** ***Midrash Tanchuma, Shelach,*** **sec. 4;** ***Bamidbar Rabbah*** **16:5;** ***Zohar,*** **Vol. III, p. 158a.**

12. See *Taanis* 29a, which states that the spies brought about "weeping for generations."

13. ***Bamidbar*** **13:18-19.**

14. ***Ibid.*** **13:19-20.**

15. ***Ibid.*** **13:20.**

16. ***Ramban, Seforno*** **on this verse.**

**nevertheless,** Moshe instructed them **to act courageously and strive to bring** back samples of **the land's produce.**

**This is problematic. G-d had already told the Jewish people that *Eretz Yisrael* is "a good and prosperous land… a land flowing with milk and honey."**[17] Since **Jews are** inherently "**believers, the descendants of believers,**"[18] certainly, they trusted G-d's word. Moreover, **in this instance, faith** and trust **were not necessary. Surely, having dwelled in Egypt,** not far from ***Eretz Yisrael,*** the Jews were aware of the type of land it **was.**[19] Even so, this knowledge and trust **is not comparable to actually seeing the produce of the land.** Bringing back the fruit and giving **the Jews** the opportunity to actually see the land's goodness **would call forth great joy and motivate them to gladly ascend to** *Eretz Yisrael,*[20] for, as our Sages state,[21] **hearing is not comparable to actually seeing. Nevertheless, was this purpose necessary enough to endanger the lives of the spies?**

פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן, זִיךְ שְׁטַארְקְן אוּן אָנְשְׁטְרֶענְגֶען אוּן בְּרֶענְגֶען "מִפְּרִי הָאָרֶץ".

אִיז נִיט גְלַאטִיק: אֱמֶת טַאקֶע אַז אֵינָהּ דּוֹמָה רְאִיָּה לִשְׁמִיעָה[טו], אוּן דֶערִיבֶּער, נִיט קוּקְנְדִיק וְואָס דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער הָאט שׁוֹין דֶערְצֵיילְט אִידְן אַז אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אִיז אַן "אֶרֶץ טוֹבָה וּרְחָבָה גו' אֶרֶץ זָבַת חָלָב וּדְבָשׁ"[טז] אוּן אִידְן זַיְינֶען דָאךְ "מַאֲמִינִים בְּנֵי מַאֲמִינִים"[יז] [וּבִפְרַט אַז מֶען דַארְף דֶערְבַּיי נִיט אָנְקוּמֶען צוּ אֱמוּנָה, וָוארוּם זִיכֶער הָאבְּן "הַדָּרִים בְּמִצְרַיִם" גֶעוְואוּסְט וָואס עֶס טוּט זִיךְ אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל[יח]] - קוּמְט עֶס אָבֶּער נִיט צוּ רְאִיַּית פֵּירוֹת הָאָרֶץ, וָואס וָואלְט גוֹרֵם גֶעוֶוען בַּיי אִידְן אַ שִׂמְחָה יְתֵירָה ("לַעֲלוֹת שָׁם בְּשִׂמְחָה"[יט]),

פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן, צִי דֶען אִיז דָאס אַזוֹי נוֹיטִיק, בִּיז צוּ אַיינְשְׁטֶעלְן אִיבֶּער דֶעם דִי לֶעבְּנְס פוּן דִי מְרַגְּלִים?!

## Two Complementary Motifs

**3.** To offer **an explanation** that helps clarify the above matters: **The foundation of the observance of the Torah is** complete and utter acceptance of G-d's will, as reflected in the Jews' promise,[22] *Naaseh venishma,* "We will do and we will listen." The promise, **"we will do" precedes "we will listen,"**[23] implying an unreserved commitment to do whatever G-d commands. **Nevertheless, "we will do" alone is not sufficient; "we will listen (*nishma*)," must follow.**[24] **As suggested by the verse,**[25]

**ג. אֵיינֶער פוּן דִי בֵּיאוּרִים אִין דֶעם:**

הֲגַם אַז דֶער יְסוֹד פוּן קִיּוּם הַתּוֹרָה אִיז הַקְדָּמַת נַעֲשֶׂה לְנִשְׁמַע[כ], אַף עַל פִּי כֵן אִיז "נַעֲשֶׂה" אַלֵיין נִיט מַסְפִּיק, נָאר עֶס מוּז אוֹיךְ זַיְין (נָאכְן "נַעֲשֶׂה") "וְנִשְׁמַע"[כא] - מִלְּשׁוֹן הֲבָנָה (כְּמוֹ: דַּבֵּר

---

**17.** ***Shmos*** **3:8,** ***et al.***

**18.** ***Shabbos*** **97a.**

**19. See** ***Ramban*** **on** ***Bamidbar*** **13:2, mentioned above in the main text.**

**20.** ***Ramban, loc. cit.***

**21. See** ***Mechilta, Shmos*** **19:9.**

22. *Shmos* 24:7.

**23. See** ***Shabbos*** **88a.**

**24. This is one of the explanations why** the commitment the Jews made **by saying (*Shmos* 24:3),** "All the words that G-d has spoken **we will do (*naaseh*)**," **was not sufficient and,** to show their complete willingness to accept the Torah, **they had to add** the commitment, ***Naaseh venishma,*** **"We will do and we will listen."**

**25. I** ***Shmuel*** **3:9-10.** The prooftext shows that the verb *shema* implies not only hearing, but also listening and understanding. See also *Bereishis* 42:2 and *Rashi's* commentary, "They did not know that Yosef understood."

**"Speak, because your servant is listening (*shomei'a*),"** *nishma* can also be interpreted as meaning, "We will **understand.**" Implied is that our commitment to G-d must include not only unreserved allegiance ("we will do"), but also an effort to understand ("we will listen").

**Similar concepts apply with regard to the** Jews' **entry into *Eretz Yisrael.* G-d promised them that it was "a good and prosperous land." However, G-d** also **desired that the Jews see and appreciate the good of *Eretz Yisrael* according to their own understanding.**

**Therefore, Moshe instructed** the spies **to bring back some of the fruit of the land.** He intended that, after seeing the fruit, **the Jews' desire to enter *Eretz Yisrael* would not only be motivated by G-d's command and their commitment to carry out His** will **(*naaseh*), but would also come from their own** perception (*nishmah*) **– i.e., they would appreciate that one should desire to enter *Eretz Yisrael* because it is the true "good and prosperous land."**

**The same motif applies regarding the first goal of their mission – to discover the** best way to con**quer *Eretz Yisrael.* The intent was that they should perceive with their own minds that "we can surely overcome it."**[26]

**For that** very **reason, G-d did not command that spies be sent. Instead,** He told Moshe that it depended **on his judgment. Since the spies were sent so that the Jews would appreciate** the positive value of **entering *Eretz Yisrael* according to their own understanding** (i.e., following the motif of ***nishma***), **it was necessary that the decision to send** spies **come from** Moshe's **judgment itself;** they should be sent **because this is what logic called for, not only because of a Divine command** (i.e., following only the motif of ***naaseh***).

26. *Bamidbar* 13:30.

כִּי שׁוֹמֵעַ עַבְדֶּךָ[כב]).

אוּן אַזוֹי אִיז דָאס אוֹיךְ בְּשַׁיְיכוּת צוּ כְּנִיסָה לְאֶרֶץ יִשְׂרָאֵל: דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער הָאט טַאקֶע גֶעזָאגְט אִידְן אַז זִי אִיז אַן אֶרֶץ טוֹבָה וּרְחָבָה גוֹ' - אָבֶּער דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער ווִיל אַז אִידְן זָאלְן אַיְינְזֶען דֶעם גוּטְס פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אוֹיךְ בְּשִׂכְלָם הֵם.

אוּן דֶערִיבֶּער הָאט מֹשֶׁה רַבֵּינוּ גֶעהֵייסְן בְּרֶענְגֶען מִפְּרִי הָאָרֶץ, כְּדֵי אַז דֶער רָצוֹן פוּן אִידְן צוּ גֵיין קַיְין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל זָאל זַיְין (נִיט נָאר ווַיְיל אַזוֹי הָאט דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער גֶעהֵייסְן וּבְמֵילָא פָאלְגְן זֵיי דֶעם צִיוּוּי ה' (נַעֲשֶׂה) - נָאר) אוֹיךְ מִצַּד זֵיי אַלֵיין, זֵיי פַארְשְׁטֵייעֶן אַז מְ'דַארְף ווֶעלְן גֵיין קַיְין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, ווַיְיל זִי אִיז דִי אֱמֶת'עֶ אֶרֶץ טוֹבָה וּרְחָבָה.

אוּן דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ אִיז בַּנוֹגֵעַ דֶעם (עֶרְשְׁטְן) טֵייל פוּן זֵייעֶר שְׁלִיחוּת - צוּ אוֹיסְגֶעפִינֶען אִין ווֶעלְכְן ווֶעג מְ'זָאל כּוֹבֵשׁ זַיְין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, אַז דִי כַּוָּנָה דֶערְבַּיי אִיז גֶעווֶען אַז אִידְן זָאלְן אַיְינְזֶען בְּשִׂכְלָם ווִי "יָכוֹל נוּכַל לָהּ"[כג].

אוּן דָאס אִיז אוֹיךְ דֶער טַעַם פַארְווָאס דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער הָאט נִיט אָנְגֶעזָאגְט אוֹיף שִׁילוּחַ הַמְרַגְּלִים, נָאר "שְׁלַח לְךָ - לְדַעְתְּךָ". הֱיוֹת אַז דֶער מְכֻוָּן פוּן שִׁילוּחַ הַמְרַגְּלִים אִיז צוּ אוֹיפְטָאן בַּיי אִידְן דֶעם "נִשְׁמַע" בַּנוֹגֵעַ דֶער כְּנִיסָה לָאָרֶץ, אִיז דֶערִיבֶּער אוֹיךְ דֶער שִׁילוּחַ גוּפָא גֶעקוּמֶען אִין אַן אוֹפֶן פוּן "לְדַעְתְּךָ" - אַז מֶען טוּט עֶס ווַיְיל אַזוֹי דַארְף זַיְין מִצַּד דַּעַת (אוּן נִיט בְּלוֹיז אִין אַן אוֹפֶן פוּן "נַעֲשֶׂה", ווַיְיל "אֲנִי מְצַוֶּה לְךָ").

## When an Addition Detracts

4. **On this basis, we can also understand** how it was possible **for the spies** chosen by Moshe – **who initially were worthy – to make such a severe mistake to the extent that they asserted,**[27] **"We cannot ascend."**

**Since the mission** on which they were sent **involved** the dimension of ***nishmah,*** i.e., **clarifying** the manner in which the Jewish people **would enter** *Eretz Yisrael* **according to human understanding, there was a possibility for them to err in their logic and reckoning.**

After all, **everything the spies said about** *Eretz Yisrael* **and its inhabitants – "its inhabitants are fierce,"**[28] **and "we saw the descendants of the giants"**[29] **– was true.**[30] **Furthermore, even their conclusion, "We cannot ascend" – that it would be impossible to conquer** *Eretz Yisrael* **by natural means – can be logically understood. Thus, according to their perception, the spies had** faithfully **carried out the mission on which they were sent.**

What then was **their mistake?** In addition to collecting information, **they added a conclusion: "We cannot ascend."** That addition overstepped the scope of their mission. **Moshe never asked them** to determine **whether it would be possible to conquer** *Eretz Yisrael.* **He sent them merely to find out the easiest way that** *Eretz Yisrael* **could be conquered.**

**Indeed, the very fact that Moshe sent them to spy out the land and clarify the manner in which it could** best **be conquered was proof that it was possible to do so, even according to the rules of nature.**[31] **For if the entry into** *Eretz*

ד. דֶערְמִיט וועט מֶען אוֹיךְ פַארְשְׁטֵיין ווִי אַזוֹי דִי מְרַגְּלִים - וואָס "אוֹתָהּ שָׁעָה כְּשֵׁרִים הָיוּ" - הָאבְּן גֶעקֶענְט אַזוֹי דוּרְכְפַאלְן, בִּיז צוּ זָאגְן "לֹא נוּכַל לַעֲלוֹת"[כד]:

ווִיבַּאלְד אַז דֶער עִנְיַן הַשְּׁלִיחוּת אִיז גֶעוועֶן - דֶער "נִשְׁמַע", צוּ אוֹיסְפָארְשְׁן דִי זַאךְ פוּן כְּנִיסָה לָאָרֶץ עַל פִּי שֵׂכֶל, הָאט דֶערִיבֶּער גֶעקֶענְט בַּיי זֵיי ווערְן אַ טָעוּת אִין שִׁיקוּל הַדַּעַת

- וואָרוּם אַלְץ וואָס דִי מְרַגְּלִים הָאבְּן גֶעזָאגְט וועגְן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל וְהַיּוֹשְׁבִים בָּהּ - "עַז הָעָם . . וְגַם יְלִידֵי הָעֲנָק גו'"[כה] - אִיז דָאךְ גֶעוועֶן אֱמֶת[כו]. אוּן אוֹיךְ זֵייעֶר מַסְקָנָה, אַז "לֹא נוּכַל לַעֲלוֹת" (עַל פִּי טֶבַע קֶען מֶען נִיט כּוֹבֵשׁ זַיְין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל) הָאט אַן אָרְט אִין שֵׂכֶל.

קוּמְט אוֹיס, אַז דִי מְרַגְּלִים הָאבְּן (לְדַעְתָּם) מְקַיֵּים גֶעוועֶן דִי שְׁלִיחוּת אוֹיף וועלְכֶער זֵיי זַיְינֶען גֶעשִׁיקְט גֶעווָארְן.

דֶער טָעוּת זֵייעֶרער אִיז בַּאשְׁטַאנֶען אִין דֶעם, וואָס זֵיי הָאבְּן (בִּכְלָל) מוֹסִיף גֶעוועֶן אַ מַסְקָנָה, "לֹא נוּכַל לַעֲלוֹת": מֹשֶׁה רַבֵּינוּ הָאט בַּיי זֵיי מִלְכַתְּחִלָּה נִיט גֶעפְרֶעגְט צִי מֶען קֶען אַיינְנֶעמֶען אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אָדֶער נִיט. עֶר הָאט זֵיי בְּלוֹיז גֶעשִׁיקְט צוּ אוֹיסְגֶעפִינֶען ווִי אַזוֹי אִיז לַיְיכְטֶער אִיר צוּ כּוֹבֵשׁ זַיְין;

וְאַדְּרַבָּה: פוּן דֶעם גוּפָא וואָס מֹשֶׁה הָאט זֵיי גֶעשִׁיקְט לָתוּר אֶת הָאָרֶץ, אוֹיסְצוּפָארְשְׁן ווִי צוּ כּוֹבֵשׁ זַיְין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, אִיז גֶעוועֶן אַ הוֹכָחָה, אַז "יָכוֹל נוּכַל לָהּ" אוֹיךְ בְּדֶרֶךְ הַטֶּבַע[כז],

[ווַיְיל אוֹיב דִי כְּנִיסָה לָאָרֶץ אִיז

27. *Ibid.* 13:31.

28. *Ibid.* 13:28.

29. *Ibid.* 13:28. See also *ibid* 13:32-33.

30. See *Ramban, loc. cit.; Likkutei Sichos,* Vol. 18, p. 142ff.

31. **Calev answered** the spies (*Bamidbar* 13:30), ***aleh naaleh*** (**"We can surely ascend"**) – repeating the verb *aleh* – which led *Rashi* to interpret his words as meaning, **"We will ascend even to the heavens,"** i.e., he

***Yisrael*** **could** only **be accomplished via miracles,** above nature, **there would have been no reason to send spies. Thus, by** making known the conclusion they reached, **"We cannot ascend," not only did** the spies **overstep their mission, they acted contrary to its goal.**

בְּאוֹפֶן נִסִּי, הָאט דָאךְ נִיט קֵיין אָרט דֶער עִנְיָן פוּן שִׁיקְן מְרַגְּלִים].

קוּמְט אוֹיס, אַז זֵייעֶר זָאגְן "לֹא נוּכַל לַעֲלוֹת" אִיז נִיט נָאר אַ הוֹסָפָה אוֹיף דֶער שְׁלִיחוּת, נָאר נָאכְמֶער - ס'אִיז הֵיפֶךְ הַשְּׁלִיחוּת.

## What Do We Learn From the Story?

**5. The word** ***Torah*** **shares the same root letters as the word** ***horaah,*** **"instruction."**[32] **Hence, it is understood that the Torah contains a lesson to safeguard us from** making **the mistake that the spies made.**

ה. תּוֹרָה אִיז מִלְּשׁוֹן הוֹרָאָה[כח]. אִיז דֶערְפוּן פַארְשְׁטַאנְדִיק, אַז אִין תּוֹרָה אִיז אוֹיךְ פַאראַן דִי אָנְוַוייְזוּנְג וִוי זִיךְ צוּ בַּאווָארֶענֶען פוּן טָעוּת הַמְרַגְּלִים.

**What is it teaching us? According to Jewish custom, the name of the Torah reading is** ***Shelach,***[33] **a word which shares the same root letters as the word** ***shlichus,*** **"mission." A Jew must know that even when he is involved in Divine service** according to the motif **of** ***nishma*** **– understanding things intellectually** and acting **according to his own discretion – he must always remember that he is acting as a** ***shliach*** **of Moshe.** His motivation should **not be that he desires to understand the matter at hand, but that it is** G-d's **will for him to do so.**[34]

וָואס אִיז דִי עֵצָה?

דֶער שֵׁם הַסֶּדְרָה (לוֹיט מִנְהַג יִשְׂרָאֵל) אִיז "שְׁלַח"[כט], מִלְּשׁוֹן שְׁלִיחוּת.

אַ אִיד דַארְף וויִסְן, אַז אוֹיךְ וֶוען עֶר פַארְנֶעמְט זִיךְ מִיט דֶער עֲבוֹדָה פוּן "נִשְׁמַע", פַארְשְׁטֵיין בְּשִׂכְלוֹ, "לְדַעְתְּךָ" - דַארְף עֶר כְּסֵדֶר גֶעדֶענְקֶען אַז עֶר טוּט עֶס אַלְס אַ שְׁלִיחַ פוּן מֹשֶׁה - נִיט וַוייְל אִים ווִילְט זִיךְ פַארְשְׁטֵיין דִי זַאךְ, נָאר וַוייְל אַזוֹי אִיז דֶער רָצוֹן הָעֶלְיוֹן.

**When** a *shliach* takes such an approach, **he can rest assured** that he will carry out G-d's will **not only according to the motif of** ***naaseh,*** **but also according to the motif of** ***nishma.*** He can **be assured**

אוּן דֶעמוּלְט אִיז מֶען בַּאווָארְנְט נִיט נָאר מִיט דֶעם "נַעֲשֶׂה" נָאר אוֹיךְ מִיט דֶעם "נִשְׁמַע" - דָאס פַארְזִיכֶערְט אַז

---

was telling the Jewish people that they need not feel dependent on natural circumstances, because G-d can bring – and had in the past brought – them success that **transcended nature. (See** ***Rashi*****'s statement there that** Calev mentioned the miracles such as **the splitting of the sea, etc. See** ***Likkutei Sichos,*** **Vol. 8, p. 88ff., where this** commentary of *Rashi* **is explained.)**

Calev was replying to the claim of the other spies that, **according to the natural order, it would be impossible to ascend** to *Eretz Yisrael.* Rather than debate them concerning this point at that juncture, Calev was saying, **"Even if your words are true, we can surely ascend… because we can surely overcome,"** since we can rely on G-d's help which transcends nature.

32. ***Zohar,*** **Vol. III, p. 53b.**

33. ***Rambam, Seder Tefilos lichol HaShanah,*** refers to the *parshah* as ***Shelach Lecha.***

34. To clarify this concept slightly: A person's judgment is often subjective; he understands things according to his own tendencies, while a person with different tendencies will see the subject differently. However, ultimately, the nature of intellect is to try to see things objectively – to understand a matter for what it is, not the way the person would like it to be. When a person functions as a *shliach,* he takes himself out of the picture and acts on behalf of the one who sent him. This empowers him to rise above his subjectivity and see things objectively.

**that his understanding will be genuine and he will arrive at the true conclusions.**

Knowledge and **understanding involve** objectively **appreciating the true nature of the concepts involved.** This requires stepping beyond one's ordinary way of thinking; **it is necessary to negate all one's natural tendencies and focus** objectively **on the matter that one desires to understand.**

**When a person is involved in abstract thought,** but remains **motivated by his own pleasure** and desire, **it is possible** for his thinking **to be affected by his natural tendencies to the extent that he seeks to adapt reality to his own preconception.**

This propensity leads to an expanded **interpretation of the concept of bribery, concerning which the Torah says,**[35] **"A bribe blinds the eyes of the wise and warps the words of the righteous." On the surface,** this verse is difficult to comprehend. **Since the Torah of truth describes the subjects of the verse as wise and righteous,** certainly, these are **true** descriptions. **If so, how could such a person** possibly **take a bribe?**

**However, the concept of a bribe includes not only taking money or something similar and telling a blatant lie because of** the gift, **but also failing to think about the situation in an objective** and honest **way and, instead, thinking about oneself and one's own** feelings and leanings.[36] When a person approaches a situation in such a manner, **there is no way he can appreciate it as it truly is,** i.e., **gain a genuine** and objective **appreciation of the concept at hand.**

**This is the reason for the error of the spies and the** drastic **decline they underwent. They lacked the *bittul* to Moshe to the degree that it would** govern the functioning of their thought

דֶער שֵׂכֶל וועט זַיין אַ שֵׂכֶל אֲמִיתִּי אוּן קוּמֶען צוּ דֶער מַסְקָנָה אֲמִיתִּית.

דִי זַאךְ פוּן שֵׂכֶל אִיז - צוּ אוֹיסְגֶעפִינֶען ווִי דֶער מוּשְׂכָּל אִיז לַאֲמִיתָּתוֹ. מֶען דַארְף מְבַטֵל זַיין אַלֶע אֵייגֶענֶע נְטִיּוֹת וכו׳, אוּן זִיךְ צוּטְרָאגְן צוּ דֶער זַאךְ וואָס מֶען וויל פַארְשְׁטֵיין.

בְּשַׁעַת אֵיינֶער טוּט אִין אַן עִנְיָן בְּשִׂכְלוֹ צוּלִיבּ זַיין אֵייגֶענֶעם גֶעשְׁמַאק וכו׳, דֶעמוּלְט אִיז רֶעכְט, אַז עֶס זָאלְן זִיךְ אַרַיינְמִישְׁן דִי אֵייגֶענֶע נְטִיּוֹת וכו׳, בִּיז אַז עֶר וועט פְּרוּאוון "צוּפַּאסְן" דִי מְצִיאוּת צוּ זַיין דֵיעָה.

וואָס דָאס אִיז אֵיינֶער פוּן דִי בִּיאוּרִים אִין עִנְיַן הַשּׁוֹחַד, וואָס תּוֹרָה זָאגְט אַז "הַשּׁוֹחַד יְעַוֵּר עֵינֵי חֲכָמִים וִיסַלֵּף דִּבְרֵי צַדִּיקִים"[ל]. דִּלְכְאוֹרָה:

ווִיבַּאלְד אַז תּוֹרַת אֱמֶת אִיז מֵעִיד אַז עֶס רֶעדט זִיךְ ווֶעגְן "חֲכָמִים" אוּן "צַדִּיקִים", זַיינֶען זֵיי דָאךְ חֲכָמִים אוּן צַדִּיקִים אֲמִיתִּיִּים. הַיינְט ווִי קוּמְט עֶס אַז זֵיי זָאלְן מִלְכַתְּחִלָּה נֶעמֶען שׁוֹחַד?

נָאר - ווַייל דֶער עִנְיַן הַשּׁוֹחַד אִיז (נִיט נָאר וואָס מֶען נֶעמְט גֶעלְט (וְכַיּוֹצֵא בָזֶה) אוּן דֶערְפַאר וועט מֶען זָאגְן אַן אָפֶּענֶעם שֶׁקֶר, נָאר) - וואָס מֶען טְרַאכְט נִיט ווֶעגְן דֶער מְצִיאוּת ווִי זִי אִיז, נָאר מֶען טְרַאכְט ווֶעגְן זִיךְ אוּן דֶער אֵייגֶענֶער מְצִיאוּת[לא]. וואָס דֶעמוּלְט קֶען מֶען נִיט הָאבְּן קֵיין הֲבָנָה אֲמִיתִּית אִין דֶעם מוּשְׂכָּל, ווִי עֶר אִיז בֶּאֱמֶת.

אוּן דָאס אִיז גֶעווֶען דִי סִיבָּה פוּן דֶער (טָעוּת וּ)נְפִילָה פוּן דִי מְרַגְּלִים: בַּיי זֵיי הָאט גֶעפֶעלְט אִין דֶעם בִּיטוּל צוּ מֹשֶׁה רַבֵּינוּ אִין אַן אוֹפֶן אַז דָאס זָאל דֶערְהֶערְט ווֶערְן אוֹיךְ בְּשַׁעַת זֵיי זַיינֶען פַארְנוּמֶען

35. *Devarim* 16:19.

36. Note *Sefer HaMaamarim 5670*, p. 106.

processes **when they were involved in the motif of *nishma,* exploring *Eretz Yisrael*** with the intent of understanding the best and most effective way of conquering it. **Since they felt** – and were controlled by – **their individual self-concern, seeing "the *nefilim*,**[37] **the descendants of the giants"**[38] **caused them to be overcome by terror to the extent that** they said, **"We were like grasshoppers in our own eyes."**[38] **This** – the fear they felt – **was the bribe which blinded their minds to the point that they declared, "We cannot ascend."**

**However, when one is aware that he is a *shliach,*** he must adapt the way his mind works so that it be aligned with the thinking process of the one who sent him, as our Sages state,[39] **"A person's *shliach* is identified with him – the one who sent him." A *shliach* is not his own person, but is entirely identified with the sender.**[40]

How much more so is **the above** true when **one is serving as the *shliach* of Moshe, for Moshe is identified with the attribute of truth.**[41] When acting as Moshe's *shliach,* **one remains** continually **connected with Moshe – the attribute of truth – and he never separates himself from him. At all times, he does not think of himself, but rather** is constantly aware **that he is carrying out Moshe's *shlichus*.**

**In this way, he will not be subject to bribery and, as a matter of course, will carry out the *shlichus* to survey the land** – a mission **that requires genuine and honest discernment and understanding – in a consummate manner. This will lead him to declare,**[42] **"The land which G-d our L-rd is giving us is good."** Following this approach **will then enable**

מִיט אַן עִנְיָן פוּן "וְנִשְׁמַע", לָתוּר אֶת הָאָרֶץ.

און וויבאלד אַז זֵיי הָאבְּן "גֶעפִילְט" זֵייעֶר מְצִיאוּת, דֶערִיבֶּער הָאט דִי רְאִיַּית "הַנְּפִילִים בְּנֵי הָעֲנָק" גֶעוואָרְפְן אוֹיף זֵיי אַ פַּחַד בִּיז "וַנְּהִי בְעֵינֵינוּ כַּחֲגָבִים"[לב], און דָאס אִיז גֶעוואָרְן אַן עִנְיָן פוּן שׁוֹחַד וואָס הָאט מַטֶה גֶעוועֶן זֵייעֶר שֵׂכֶל, בִּיז צוּ זָאגְן "לֹא נוּכַל לַעֲלוֹת".

בְּשַׁעַת אָבֶּער מֶען גֶעדֶענְקְט אַז מְ'אִיז אַ שְׁלִיחַ ("שְׁלַח"), וואָס שְׁלוּחוֹ שֶׁל אָדָם כְּמוֹתוֹ[לג] - אַ שְׁלִיחַ הָאט נִיט קֵיין אֵייגֶענֶע מְצִיאוּת נָאר זַיְין גַאנְצֶע מְצִיאוּת אִיז דִי מְצִיאוּת הַמְשַׁלֵּחַ[לד],

און אִין דֶערוֹיף גוּפָא, אִיז מֶען שְׁלוּחוֹ שֶׁל מֹשֶׁה, וואָס מֹשֶׁה רַבֵּינוּ אִיז מִדַּת הָאֱמֶת[לה]: מֶען בְּלַיְיבְּט צוּגֶעבּוּנְדְן צוּ מֹשֶׁה רַבֵּינוּ (מִדַּת הָאֱמֶת) און מֶען טְרֶעט פוּן אִים נִיט אָפּ; מֶען טְרַאכְט דִי גַאנְצֶע צַיְיט (נִיט וועֶגְן זִיךְ, נָאר) אַז מֶען גֵייט אִין מֹשֶׁה רַבֵּינוּ'ס אַ שְׁלִיחוּת,

דֶעמָאלְט ווֶערְט מֶען נִיט מְשׁוּחָד, וּבְמֵילָא פִירְט מֶען אוֹיס דִי שְׁלִיחוּת פוּן לָתוּר אֶת הָאָרֶץ (וואָס פָּאדֶערְט אַ שֵׂכֶל וַהֲבָנָה אֲמִיתִּית) בִּשְׁלֵימוּת, און מֶען זָאגְט[לו] "טוֹבָה הָאָרֶץ אֲשֶׁר ה' אֱלֹקֵינוּ נוֹתֵן לָנוּ",

און דָאס בְּרֶענְגְט דֶערְנָאךְ דֶעם

37. The term *nefilim* refers to "giants who fell (*noflu*) from heaven in the primeval eras of existence (*Rashi, Bamidbar* 13:33.)

**38. *Bamidbar* 13:33.**

**39. The Mishnah, *Berachus* 34b. Note the sources mentioned there.**

**40. See the elaborate explanation of three conceptions of *shlichus* at the beginning of Rav Yosef Engel's *Lekach Tov.*** See also ***Likkutei Sichos,* Vol. 22, p. 161.**

**41. See *Sanhedrin* 111a,** which states that Moshe **"perceived the attribute of truth."** See also ***Shmos Rabbah* 5:10, *et al.***

42. *Devarim* **1:25. Significantly,** when relating the narrative of the spies **there,** Moshe only mentions the words of Yehoshua and Calev and **does not mention the** negative **words of the other spies. See *Sichas Motzaei Shabbos Parshas Shelach,* 5739** (*Sichos Kodesh 5739,* Vol. 3, p. 205).

כִּיבּוּשׁ הָאָרֶץ לִגְבוּלוֹתֶיהָ, בִּיז צוּם קִיּוּם הַיִּעוּד[לז] אַז "יַרְחִיב ה' אֱלֹקֶיךָ אֶת גְּבוּלְךָ",

בְּבִיאַת מָשִׁיחַ צִדְקֵנוּ, בִּמְהֵרָה בְּיָמֵינוּ מַמָּשׁ.

(משיחת ש"פ שלח תשל"ג)

**the conquest of *Eretz Yisrael* to the fullest expanse of its borders and, ultimately, lead to fulfillment of the prophecy,[43] "G-d your L-rd will expand your borders," with the coming of *Mashiach*.** May **it happen speedily in our days.**

---

**43. *Ibid.* 12:20, 19:8.**

---

א) סוטה לד, ריש ע"ב. ועל דרך זה בתנחומא פרשתנו ה (בסופו). במדבר רבה פט"ז, ח, הועתק בפירוש רש"י על התורה על הפסוק.

ב) כן הוא בעין יעקב, פירוש רש"י על התורה ועוד. ובגמרא לפנינו "מדעתך". ובתנחומא ובמדבר רבה שם: לעצמך.

ג) רש"י סוטה שם. ועל דרך זה בפירושו על התורה על הפסוק.

ד) ראה בהעלותך יב, ז.

ה) פרשתנו יג, ג.

ו) רש"י על הפסוק.

ז) ראה גם אור החיים ריש פרשתנו.

ח) ריש פרשתנו.

ט) פרשתנו יג, ג. ומקורו בתנחומא פרשתנו ד. במדבר רבה פט"ז, ה. זהר ח"ג קנח, סע"א.

י) תענית כט, א.

יא) פרשתנו שם, יח־יט.

יב) שם, יט־כ.

יג) שם, כ.

יד) רמב"ן וספורנו על הפסוק.

טו) ראה מכילתא יתרו יט, ט.

טז) שמות ג, ח. ועוד.

יז) שבת צז, א.

יח) ראה רמב"ן ריש פרשתנו הנ"ל בפנים.

יט) לשון הרמב"ן שם.

כ) ראה שבת פח, א.

כא) וזהו אחד מהביאורים בזה שלא הספיקה אמירת "נעשה" (משפטים כד, ג), והוצרכה להיות עוד אמירה "נעשה ונשמע" (שם, ז).

כב) שמואל־א ג, ט־י.

כג) פרשתנו יג, ל.

כד) שם, לא.

כה) שם, כח. וכן שם לב־לג.

כו) ראה רמב"ן שם. לקו"ש חלק י"ח ע' 142 ואילך.

כז) ומה שענה כלב (שם, ל) "עלה נעלה" - "אפילו בשמים כו'" (רש"י שם. וראה רש"י שם לפני זה: קרע לנו את הים כו'. נתבאר בלקו"ש ח"ח ע' 88 ואילך), למעלה מן הטבע - הוא רק לפי דבריהם שעל פי טבע "לא נוכל לעלות", שלו יהא כדבריהם "עלה נעלה גו' יכול נוכל לה".

כח) זהר ח"ג נג, ב.

כט) וברמב"ם (סדר תפלות לכל השנה) - שלח לך.

ל) שופטים טז, יט.

לא) עיין סה"מ עת"ר ע' קו.

לב) פרשתנו יג, לג.

לג) ברכות לד, ב (במשנה). ושם נסמן.

לד) ראה בארוכה לקח טוב (להר' יוסף ענגל) בתחלתו - ג' האופנים בשליחות. לקו"ש חכ"ב ע' 161.

לה) ראה סנהדרין קיא, א: מדת אמת ראה. שמות רבה פ"ה, י. ועוד.

לו) דברים א, כה. ולהעיר שלא הוזכרו שם דברי (שאר) המרגלים. וראה שיחת מוצאי ש"פ שלח תשל"ט.

לז) ראה יב, כ. שופטים יט, ח.

SICHOS IN ENGLISH